# THE SHEPHERD OF ISRAEL

Subscription Price
50 Cents a year.

JOSEPH HOFFMAN COHN, *Editor*

VOL XX No. 9
MAY, 1938


## "REDEEMED WITHOUT MONEY"


By Rev. F. W. Haberer,
Pastor Floyd Baptist Church
Floyd, Virginia


"For thus saith the Lord, Ye have sold yourselves for nought and ye shall be redeemed without money." (Isaiah 52:3)

Israel is in bondage. Pitiful, merciless, brutal slavery. Passover has come and gone, a Passover which was supposed to remind us that once before we were an enslaved people, and then God delivered us, with a strong and mighty arm. And soon we shall have Pentecost, which is to remind us that after God delivered our people from Egypt He brought us to Mt. Sinai and then honored us with the Torah, the Law. While we were in Egypt we were slaves, but not of our own choice. A strange king, who knew not Joseph, arose in his fury and chained us. But now our sufferings, our bondage, our slavery, these are all of our own free choosing. We and we alone are to blame, because we have deliberately preferred to be slaves.

And strangely enough we have taken the road of slavery and have gotten nothing out of it. Usually when one sells himself, he is supposed to get some money or some other valuable consideration. But Isaiah gives us these startling words:—

"Ye have sold yourselves for nought!" (Isaiah 52:3)

And now hear further the indictment that God has written against His people, Israel, and see what detail He has used in explaining so clearly how we have sold ourselves:—

"Yet the Lord testified against Israel and against Judah by all the prophets and by all the seers, saying, Turn ye from your evil ways and keep my commandments and my statutes, according to all the law which I command your fathers and which I sent to you by my servants of the prophets. Notwithstanding they would not hear but hardened their necks, like to the neck of their fathers, that did not believe in the Lord their God. And they rejected his statutes and his covenant that he made with their fathers . . . and sold themselves to do evil in the sight of the Lord, to provoke Him to anger." (11 Kings 17:13-15, 17)

Slavery! Bondage! Sold themselves to do evil! And what a sale! Today the Jews are the most persecuted people on the face of the earth. Lands which once welcomed them now are driving them out; hated by all men, tossed to and fro, driven many times like wild cattle over the fields of the world, the Jew today is indeed a pitiful harassed figure. And the heart of us cries out, why, why, why? And we find the answer only in the Word of God. Will you read it?

"But if ye will not hearken unto me and will not do all these commandments . . . I will scatter you among the heathen and will draw out a sword after you and your land shall be desolate and your cities waste . . . And upon them that are left alive of you I will send a faintness into their hearts in the lands of their enemies and the sound of a shaken leaf shall chase them and they shall flee as fleeing from a sword and they shall fall when none pursueth . . . and ye shall have no power to stand before your enemies.'" (Leviticus 26:14, 33, 36, 37).

"If ye will not hearken unto me!" This is the bottom of the whole trouble. And we have no remedy until we come back to the point of hearkening to God. Zionists may raise their millions, America may open her doors, for bleeding refugees, the Christian churches of the world may take up collections by the millions of dollars, but dear reader, these things will not and cannot bring about the final and lasting solution. Go back to Isiaiah now, and read,

"Ye shall be redeemed without money." (Isaiah 52:3)

And now once more read how God so carefully and in such detail amplifies the remedy for our sore distressed condition:—

"If they shall confess their iniquity and the iniquity of their fathers, with their trespass which they trespassed against me and that also they have walked contrary to me; and that I also have walked contrary to them and have brought them into the land of their enemies; if then their uncircumcised hearts be humbled and they then accept of the punishment of their iniquity; then will I remember my covenant with Jacob and also my covenant with Isaac and also my covenant with Abraham, will I remember; and I will remember the land." (Leviticus 26:40-42).

"If they shall confess their iniquity." There is sin in your heart, brother, and that sin can never be rooted out until it has been atoned for. Every Jew recognizes this fact, and because of that we have the day of Atonement given to us by God through Moses. Year after year, when the Day of Atonement comes around, we Jews have confessed our sins and the sins of our people. And yet in bondage we remain, and we recite over and over again the old heartaching prayer, "Next year in Jerusalem." And many of our people have come under the experience of that proverb "Hope deferred maketh the heart sick." And so we see uncounted thousands of our Jews losing all hope and drifting off into unbelief and into atheism. What is the trouble?

May it not be that there is still one great and terrible sin that has not been confessed? Can there be any hint in the Scripture which will indicate just what this great sin is, which has caused a bondage of over 1900 years and for which confession has not been made, thus withholding the redemption by God? Yes, there is. And it is found in the words of the prophet, Zechariah:

"And I will pour upon the house of David and upon the inhabitants of Jerusalem the spirit of grace and of supplications and they shall look unto me whom they have pierced and they shall mourn for him as one mourneth for his only son and shall be in bitterness for him as one that is in bitterness for his firstborn. In that day there shall be a fountain opened to the house of David and to the inhabitants of Jerusalem for sin and for uncleaness." (Zechariah 12:10, 13:1).

This prophecy says that the whole nation of Israel will one day "mourn" over "me, whom they have pierced." That will be genuine "tchuvah", genuine repentance. Not a mere repetition of formal prayers of confession, not merely saying over and over again, "because of our sin we have been driven from our land . . . we have sinned, etc."

### ONLY SACRIFICIAL BLOOD REDEEMS

Who is this "pierced One"; this One who can pour out the Holy Spirit upon Israel; this One Whom Israel shall one day acknowledge and over Whom they shall mourn in such bitter repentance; this One who can "open a fountain . . . for sin"? Isaiah the prophet says of Him:—

"He is despised and rejected of men . . . But he was wounded for our transgressions, he was bruised for our iniquities . . . with his stripes we are healed . . . . and the Lord hath laid on him the iniquity of us all . . . he is brought as a lamb to the slaughter . . . my righteous servant shall justify many." (Isaiah 53:3, 5, 6, 7, 11).

Don't be deceived by the quibbles and doubts of others. Even many of the rabbis have admitted that these passages refer to none other than the Messiah. Your very Yom Kippur prayers admit the fact that the Messiah bears your sins. Who is the One that Israel has rejected? Jesus, the Messiah! Who is the one that was "pierced" and "wounded for our transgressions?" Jesus of Nazareth. Who is the "lamb of God that taketh away the sin of the world" (John 1:29)? It is none other than Jesus, the


Entered as Second Class matter April 4, 1922, at the Post Office, Brooklyn, N. Y., under the Act of March 3, 1879.

Messiah. On the cross of Calvary, after he had been rejected by his own people 1900 years ago, he died as the sacrifice for the sins of the whole world. This same Messiah will one day be confessed by the nation of Israel. Looking unto "Me whom they have pierced", they will say:

"Lo this is our God; we have waited for him and he will save us." (Isaiah 25:9)

This very same Messiah, the Lord Jesus Christ, offers salvation, forgiveness of sin and everlasting life to every individual sinner who puts his trust in Him. On Passover, nineteen centuries ago, the redemption price was paid. There, outside the walls of Jerusalem, the Son of God died on the cross for our sins and shed His Own precious blood as the redemption price for the sins of the whole world.

"Knowing that ye were redeemed, not with corruptible things with silver or gold, from your vain manner of life handed down from your fathers; but with precious blood, even the blood of Christ (Messiah), as of a lamb without blemish and without spot."
(I Peter 1:18, 19).

Will you meet the condition? Will you confess your sin of rejecting Him and believe in Him as your Saviour? Thus, you too, may be redeemed from the bondage of sin and have eternal life through faith in His shed blood.

## WHEN JESUS WEPT

Seldom do strong men weep. But when that happens, you may be sure that there is something to weep about. And so it happened one day in old Jerusalem 1900 years ago that the Lord Jesus Christ, the only begotten Son of God, the choicest human being that ever walked the streets of this earth, (if we may even dare to use the word human in connection with His holy Person), walked from the Mount of Olives over towards Jerusalem, and here is what happened:—

"And when he was come near, he beheld the city, and wept over it, saying, If thou hadst known, even thou, at least in this thy day, the things which belong unto thy peace! but now they are hid from thine eyes. For the days shall come upon thee, that thine enemies shall cast a trench about thee, and compass thee round, and keep thee in on every side, and shall lay thee even with the ground, and thy children within thee; and they shall not leave in thee one stone upon another; because thou knewest not the time of thy visitation."
Luke 19:41-44.

Seventy years later a cruel Roman tyrant by the name of Titus came up to Jerusalem with a mighty army, laid siege to the city, and there literally was fulfilled the prophecy and the warning that the Lord Jesus Christ had given as He stood looking over the city, and wept. Here is the literal record of what happened, taken from Heman's "History of the Jewish People.":—

"Not one stone remained upon another; the Temple and city lay in smoking ruins. The foundations of the Temple terraces alone withstood destruction, and of the great and glorious city Titus left standing only the three strong towers which bore the names of Hyppicus, Mariamne, and Phasael; all beside were ashes and heaps of ruins. During the course of the long siege more than a million of people had perished in the city; thousands had fallen in battles in the country. Those who fell into the hands of the Romans and were not slain were sold into slavery, the fate of all prisoners in the olden time. Many thousands went forth to the mines and the quarries of Egypt; other thousands were bought by the slave dealers at absurd prices; all the markets were glutted with Jewish slaves. Thousands more were shared as spoil by the conquerors and sent as presents to their friends; the finest and most powerful of the men and youths were selected for conflicts with wild beasts, for gladiatorial games, and to grace the triumphal trains of the Emperor and Caesar; 90,000 of the sons and daughters of Zion thus witnessed in all the world to the destruction of the Jewish kingdom and nation. In every city through which Titus passed on his return to Rome splendid entertainments in honour of his victory were celebrated, at which hundreds of Jewish youths were compelled to fight with one another, and with wild beasts, till death. His triumphal car to Rome was drawn by seven hundred beautiful youths in chains, among whom were the last two bravest party leaders, John of Gischala and Simon bar-Giora, who had fallen alive into the hands of the Romans; after these were borne the most precious of the spoils from the Temple - - vessels and treasure, the great golden table, and the precious sacred Roll of the Law. Coins were struck memorialising the fall of Judah, and the splendid triumphal arch of Titus still shows the captive Jews in chains, and the sacred vessels of their sanctuary. While almost all other memorials of Rome's victories have long since fallen into ruin, this monument of Jewish misery, like the Jewish people itself, remains today a wonderful coincidence in the history of the world! And which will endure the longest - - the misery of the Jewish captivity or it's memorial?"

Beloved Jewish reader, do you wonder that the Lord Jesus Christ wept? Out of His very soul He agonized and cried out, "If thou hadst known at least in this thy day, the things which belong unto thy peace!" But, tragedy of tragedies, our forefathers did not know! And we have suffered the tortures of 1900 years of an endless agony.

But to forget for a moment the event of 1900 years ago, may we not ask ourselves at this very hour of renewed Jewish world agony, do our people know today the things which belong unto their peace? It is not too late, dear reader, to turn to Him, the Lord Jesus Christ, Who is now at the right hand of God the Father, looking down upon us with great yearning of heart, waiting for us to right the wrong of the centuries. And when Israel will do that, He will come so quickly to deliver us, because only He can put an end to our world misery, and only He can restore the Throne of David, and give to us the Promised Land, and shut the mouths of our enemies, and turn the swords into plowshares. Are you not willing to try this cure? We have tried everything else, now let us try our own Messiah, the Lord Jesus Christ!

AMERICAN BOARD OF MISSIONS TO THE JEWS, Inc.



HEADQUARTERS BETH SAR SHALOM

Throop Avenue and Walton Street

Brooklyn, N. Y.

**WHERE YOU MAY OBTAIN THE SHEPHERD OF ISRAEL**

**UNITED STATES. New York:** Headquarters Building, 27 Throop Ave., Brooklyn, Rev. Leopold Cohn. **Chicago, Ill.:** 316 Stanley Pl., Rev. Solomon Birnbaum. **Pittsburgh, Pa.:** 1603 Centre Ave., Rev. John Solomon, Missionary. **Philadelphia, Pa.:** 535 Spruce St., M. Harry Burgen, Missionary. **Buffalo, N. Y.;** 206 North Park Ave., Rev. A. B. Machlin. **Columbus, Ohio.** 1039 East Broad St. Rev. Oscar Wago. **Los Angeles, Calif.:** 2005 Brooklyn Avenue, Rev. E. Zimmerman.

**OVERSEAS. Sidney, Australia:** 145 Commonwealth Street, Rev. G. E. Ardill. **Warsaw, Poland:** Targowa 15, M. 4. Rev. Moses Gitlin, Missionary. **Jerusalem Palestine:** Gospel Gate, Russian Compound, Rev. Frank L. Boothby, Missionary. **Paris, France:** 128 Avenue du Maine, Rev. Henri Vincent.

## TUNE IN

Our Jewish friends in the Atlantic City area are invited to tune in on station WPG, 1100 Kc, every Sunday morning, 9:45 a. m. to 10 a. m. A message is given at that hour by Rev. Coulson Shepherd, Pastor of the First Baptist Church, Atlantic City, in a regular series of Radio Messages to the Jews. In these messages Mr. Shepherd first broadcasts some of the most important world events in Jewry, news items gathered industriously and patiently by him from every quarter of the globe; after the news items Mr. Shepherd gives a Bible message that is of tremendous help to every earnest and truth-seeking Jew. Tune in, and tell us how you like it.

## וואָס איז אין אַ נאָמען?

מיר לעזען זעהר אָפט אין צייטונגען אז דעם אָדער יענער איד ווערט פלוצים נמאס זיין נאָמען און קומט צום ריכטער מיט דער בקשה איהם צו ערלויבען אדאָפּטירען אַן אנדערען נאָמען. איינער טהוט דאָס ווייל זיין אייגענער נאָמען קלינגט צופיעל אידיש און ער מיינט אז דאָס שטערט איהם צו זיינע געשעפטען אַן אנדערער טהוט עס ווידער ווייל זיין נאָמען איז באַנקראָט, ווייל ער אָנהויבען זיין קאַריערע מיט אַן אנדערען נאָמען, און אַזוי־נאָך זענען פאראַן פיעל מענשען וואָס טראָגען נייע נעמען און נישט די מיט וועלכע זיי זענען געבוירען געוואָרען.

מיט אַ צייט צוריק האָט פּאַסירט אז אַ געוויסער איד מיט'ן נאָמען „גאָלדשטיין" האָט אַן אום־חן געוואָרפען אויף זיין נאָמען, בכן ער קלינגט עפּעס צו־אידיש און וועט איהם שטאַרק שאַדען צו זיינע געשעפטען וואָס ער געהט אונטערנעמען, האָט ער דערפאַר געבעטען ערלויבניש ביים ריכטער, זיך צו רופען „גאָלדין" און נישט מעהר „גאָלדשטיין". צופעליג איז אָבער דער ריכטער אליין אויך געוועזען אַ איד און האָט אויך געהייסען „גאָלדשטיין", האָט ער דעם פּעטיציאָנער נישט ערלויבט צו ענדערן זיין נאָמען בכן, אַז „גאָלדשטיין" איז גוט פאַר'ן ריכטער, איז ער אויך גוט גענוג פאַר יעדען איד.

מיר מיינען נישט חלילה צו טאַדלען אירגענד וועמען וואָס וויל זיין נאָמען יאָ ענדערן. עס איז אָבער כאַראַקטעריסטיש און מערקווירדיג אַז מיר הערען קיינמאָל נישט אַז אַ מר' מאַקאַרטי זאָל זיך שעהמען מיט זיין איירישען נאָמען אָדער אַז אַ איוואַנאָוויטש זאָל זי שעהמען מיט זיין רוסישען נאָמען אָדער אַז מר' דוריעע שעהמט זיך מיט זיין פראַנצויזישען נאָמען, אַלע זענען צופריעדען און נאָך שטאָלץ מיט זייערע נעמען, נור מאַנכע אידען ענדערן, אַזוי אַז מ'זאָל חלילה איהם נישט חושד זיין אויף זיין אידישקייט. איי די נאָז? די נאָז איז נאָז —

מיר זעהען אָבער אין דיזער מאָדנע ערשיינונג אַ שטיקעל פראָפעטישעס ליכט וועלכעס ערקלערט פאַרוואָס עס באַוועגט אידען יאָ צו ענדערן זייערע נעמען. זיי פיהלען אינסטינקטיוו אַז אַזוי וועט עס אויך אַמאָל זיין. זיין נאָמען וועט מעגען זיין דער שעהנסטער אין דער וועלט, וועט ער איהם דאָך פאַרענדערן, ווייל גאָט האָט אַזוי געזאָגט. אין ישעיה ס"ב לעזען מיר:

"למען ציון לא אחשה ולמען ירושלים לא אשקוט עד יצא כנגה צדקה וישועתה כלפיד יבער וראו גוים צדקך וכל מלכים כבודך וקורא לך שם חדש אשר פי ד' יקבנו", ד'ה, גאָט זאָגט וועגען ציון וועל איך נישט שטילשווייגען... איהר ישועה וועט ברעננען ווי אַפאַקעל אַזוי אַז גוים וועלען זעהן דיין גערעכטיקייט... און מ'וועט דיך רופען מיט אַ נייעם נאָמען וואָס גאָט אַליין וועט עס באַשטימען.

דאָס וועט נעמליך זיין ווען דער איד וועט אָננעמען און וועט גלויבען אין ישוע המשיח וועמעס ישועה וועט ווי אַפאַקעל שיינען און לייכטען, אַזוי אַז אפילו גוים וועלען קענען זעהן די גערעכטיקייט פון משיח אין דעם גלויבינגען איד, דאָס הייסט, דער איד וועט אויפ'ס ניי געבוירען ווערען (יוחנן ג') און ווען אַ מענש ווערט נעבוירען גיבט מען איהם במילא אַ נייעם נאָמען, נישט ווי דאָס קינד וויל, נייערט ווי אנדערע גיבען איהם.

געהט אָבער דער איד און וויל כאַפּען די פיש פאַר די נעץ און וויל זיך אַליין אַ נייעם נאָמען געבען, אָהנע אויפ'ס ניי געבוירען צו ווערען און אויך נישט וואַרטענדיג אַז גאָט אַליין זאָל עס טהון.

מיר פרעגען אָבער, וואָס קאָן אַ נייער נאָמען אַליין דען גאָר העלפען? צוערשט מוז די גערעכטיגקייט פון משיח דורך דער אמונה שטאַטפינדען און ערשט דאַן ווערט מען באַרעכטיגט צו אַ נייעם נאָמען. ישוע המשיח האָט שוין לאַנג געזאָגט אין לוקס ח, 36, אַז „קיינער נעהט נישט אַן אַ נייע לאַטע אויף אַן אַלטען בגד וואָס האָט קיין כח צו האַלטען די נייע לאַטע".

דער ריכטער האָט פאָלקאָמען רעכט געהאַט פאַר נישט וועלען איהם געבען די ערלויבניש צו אַן אנדערן נאָמען, ווייל אויך דער ריכטער האָט עס אינסטינקטיוו געפיהלט אַז נישט דער נאָמען אַליין, וואָס ער, דער ריכטער קאָן איהם ערלויבען, וועט איהם העלפען, נייערט וואָס גאָט אַליין וועט איהם געבען דורך דער אמונה אין ישוע המשיח, (מעגליך אַז יענער נייער נאָמען וועט זיין „משיחי", וואָס מיינט, אַ נאָכפאָלגער פון היילינגען משיח.)

ווען אידען אַלס אַ כלל וועלען אָבער אָננעמען ישוע המשיח און זיי וועלען דאַדורך בעקומען דעם נייעם נאָמען, „משיחים", וועט ישוע ביי זיין צווייטען קומען, זיין דער „מלך המשיח" און דאָס עם ישראל וועט אויך במילא האָבען אַן ארץ ישראל, וואו זייער מלך וועט איבער זיי רעגירען.

אָבער אויך דאָ וויל דער כלל כאַפּען די פיש פאַר דער נעץ, זיי ווילען האָבען אַ לאַנד, האָבען אַ נאָמען אַז די פעלקער זאָלען רעספּעקטירען און דרך ארץ האָבען פאַר זיי, אָבער זיי ווילען נישט דעם פון גאָט בעשטימטען מלך המשיח אַז ער זאָל זיי אַ נייעם נאָמען געבען דורך אמונה אין איהם.

אָט דאָרט שטעקט דעם איד'ס טעות. דאָרט אין ישעיה ס"ב זאָגט אונז גאָט ב"ה: „וראו גוים צדקך וכל מלכים כבודך", אַז די גערעכטיגקייט און דעם כבוד וועלען אידען יאָ בעקומען, אַז אַ נייעם נאָמען וועלען אידען אויך אַמאָל בעקומען, אָבער זיי ווייסען נישט אַז דאָס קאָן נאָר זיין דורך ישוע המשיח, ווייל נאָר אין איהם איז אונזער גערעכטיגקייט פאַראַן אַזוי ווי עס הייסט אין ישעיה נ"ג „בדעתו יצדיק צדיק עבדי לרבים", און נאָר אין איהם איז אונזער כבוד פאַראַן, אַן „אור להאיר לגוים וכבוד ישראל עמך". (לוקס ב' 32).

מיט אמת האָט אַמאָל ישוע המשיח געזאָגט צו אידען אין ירושלים: „אָהן מיר קאָנט איהר גאָרנישט טהון".

---

ווּאו איהר קאָנט בעקאָמען דעם רעה ישראל?

ברוקלין, נ. י.: רעוו. לעאָפּאָלד קאָהן, 27 טרופ עוועניו. פילאַדעלפיא, פּאַ.: מר. האַררי בוירגען, 535 ספרוס סטריט. פּיטסבורג, פּאַ: רעוו. דזשאָן סאַלאָמאָן, 1603 סענטראַל עוועניו. שיקאַגאָ, איליגאָי: רעוו. סאַלאָמאָן בירנבאום, 316 סטענלי פּליים. לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.: רעוו. ע. צימערמאַן, 2005 ברוקלין עוועניו. קאָלומבוס, אָהייאָ: רעוו. אָסקאַר וואַגאַ, 1039 איסט בראָאַד סטריט. סידני, אַסטראַליען: רעוו. ג. ע. אַרדיל, 145 קאָמאַנוועלטה סטריט. וואַרשע, פּוילען: רעוו. משה גיטלין, טאַרגאָוואַ 15, מ. 4. ירושלים, פּאַלעסטינאַ: רעוו. פרענק בוטהבי, גאָספּל גייט, רוסישער קאָמפּאַונד. פּאַריז, פראַנקרייך: רעוו. הענרי ווינסענט, 123 דאַמעין עווע. באַפאַלאָ, נ. י.: רעוו. א. ב. מאַכלין, 206 נאָרטה פּאַרק עווע.

## „וקראת שמו עמנואל"

(ישעיה ז)

מושיענו עמנואל בא אלנו
לעמך ישראל, וגאלנו
הנה בגלות עדנו נמצאים
לצחוק ולעג היינו בגוים
בא נא בא נא לפדתינו
מושיענו עמנואל וגאלנו.

על הצלב למעני מושיעי סבלת
בעד חטאים את נפשך למות מסרת
מה עזה אהבתך הגדלה אלנו
כי בעדנו חטאים ישוע מת למעננו
בא נא בא נא לפדתינו
מושיענו עמנואל וגאלנו

את אהבתך הגדלה לאחי אספר
כי גאלי מת בעד עוני לכפר
בכל לבבי ונפשי אשמיע את תהלתיך
כי אין לנו מושיע זולתיך
בא נא בא נא לפדתינו
מושיענו עמנואל וגאלנו

בני ישראל את הנס להעמים הניפו
הריעו זמרו את אהבתו ספרו
בת ציון את הכתר לגאלך הרימו
בתוך קרית עם ועדה את בשורתו השמיעו
וגם אתה הקורא הרם בשיר קולך
כי בא גאליך ישוע פודך ומצילך.

ה. א. וואָלקאָוויץ

---

**אונזער ביכער וואָס איהר קענט ביי אונז פריי בעקומען אין יודיש און אין ענגליש:**

1. ויכוח.
2. מה שמו.
3. קין און הבל.
4. יכרת משיח
5. קול קורא.
6. לשני בתי ישראל.
7. הנה העלמה.
8. דאָס רעטענעש.


**אַ 40 סענט ספר'ל פאַר 25 סענט.**

שיקט אונז 25 סענט און סטעמפּס וועלען מיר אייך שיקען אַ נייעם טעסטאַמענט אין אידיש, ענגליש אָדער העברעאיש — אדרעס:

THE SHEPHERD OF ISRAEL
27 Throop Avenue, Brooklyn, N. Y.

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEBGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

# רועה ישראל

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת׳דיגען משיח

Subscription Price
50 Cents a year.

JOSEPH HOFFMAN COHN, *Editor*

VOL XX No. 9
MAY, 1938


## לשנה הבאה בירושלים

ישראל איז נאך אלץ אין גלות. אין אן אומ׳רחמנות׳דיגען גלות. פסח קומט און פסח געהט אוועק. פסח דערמאנט אונז אז מ׳זעמיר אמאל געווען א שקלאפען־פאלק און גאט האט אונז דערפון בעפרייט ביד חזקה ובזרוע נטויה. אה, וואסארא הערליכע ערשיינונג! באלד, באלד, וועלען מיר פייערען נאך א הערליכען יום טוב, שבועות, וואס וועט אונז דערמאנען אז באלד נאכדעם ווי גאט האט אונז בעפרייט פון שקלאפעריי האט ער אונז געבראכט צום בארג סיני און האט אונז געגעבען די הייליגע תורה.

עס איז אמת, אין מצרים זעמיר טאקע געווען שקלאפען, אבער נישט ווייל מיר האבען זיך דאס אליין אויסגעוועהלט צו זיין, נייערט ווייל דער טיראן, דער אמאליגער היטלער, דער מלך פון מצרים, האט די קייטען פון שקלאפעריי אויף אונז ארויפגעצוואונגען. דאגעגען אבער דאס איצטיגע גלות וואס האלט שוין אן איבער 1900 יאר איז ליידער אונזער אייגענער אויסוואהל. מיר אליין האבען שולד דרין וואס מיר זענען נאך אין גלות און צוואר אהן עפעס דערפאר צו באקומען אזוי ווי גאט זאגט דורך ישעיה נ"ב, „חנם נמכרתם". איהר זענט בחונם פארקויפט געווארען.

שקלאפעריי! קנעכטשאפט?! צו זיין פארקויפט צו בארבארען, צו נידעריגע צוויי־פיסיגע חיות אין מענשען געשטאלט איבעראל אין דער גאנצער וועלט?! ווי שרעקליך עס איז אפילו צו דענקען אז יוסף אין זיידען העמדעל זאל זיין א שקלאף צו ישמעאלים, מדינים, פוטיפר און ווי נישט. צו זיין געהאסט איבעראל. געטריבען פון איבעראל. געוואלד, פארוואס און פאר ווען?

די אנטווארט געפינען מיר אין ויקרא כ"ו, גאט זאגט ווי פאלגט:

„ווען איהר וועט מיך נישט צוהערען און נישט האלטען מיינע מצוות... וועל איך אייך צושפרייטען צווישען די פעלקער, א שווערד וועט ארויסגעצויגען ווערען נאך אייך, אייער לאנד וועט ווערען וויסט... און די וואס וועלען איבערבלייבען וועל איך ברענגען א ציטער אין זייער הארץ אין לאנד פון אייערע פיינד איהר וועט נישט האבען קיין בעשטאנד פאר אייערע שונאים".

דאס וועט זיין, ווייל איהר וועט מיך נישט פאלגען, זאגט גאט. אונזער איינציגע רפואה איז, גאט יא צופאלגען און איהם יא צוהערען און צו ווערען אויס שקלאפען.

ציוניסטען מעגען שאפען א סך געלד פאר׳ן ציוניזם. אמעריקא קאן עפענען די טויערען פאר אומגליקליכע אידען. גוטע קריסטען פון איבעראל קענען העלפען מיט זייערע מיליאנען דעם אידישען פאלק, אבער דאס וועט קיינמאל נישט ברענגען די גאולה צו אונזערן לאנגען פינסטערען גלות. גאט זאגט „ולא בכסף תגאלו", נישט מיט געלד וועט איהר אויסגעלייזט ווערען.

וואסזשע דען וועט יא העלפען? טא לעזט ווייטער דארט אין ויקרא כ"ו:

„ווען זיי וועלען באקענען זייערע זינד און די זינד פון זייערע פעטער וואס זיי זיינען בעגאנגען געגען מיר, זאגט גאט... דאן וועל איך געדענקען דעם בונד פון יעקב, פון יצחק און פון אברהם און וועל אויך געדענקען דאס לאנד".

דארט הייסט עס, ווען זיי וועלען „באקענען זייערע זינד". דארט רעדט גאט וועגן א געוויסע זינד וואס כל ישראל זיינען בעגאנגען, וואס קאן נישט אויסגעווארצעלט ווערען ביז עס איז נישטא א כפרה דרויף.

יעדער איד ווייס פון א יום כפור וואס גאט האט אונז געגעבען. יעדעס יאר ווען יום כפור קומט, פאסט יעדער איד, מ׳דאווענט, מ׳שלאגט זיך על חטא, און נאך די אלע יום כפור׳ס זיינען אידען נאך אלץ אין גלות אווי עס וואלט נאך אלץ קיין כפרה נעווען. מ׳קוויקט זיך זאגענדיג „לשנה הבאה בירושלים", און מ׳איז דאך נישט אין ירושלים, פארוואס איז דאס אזוי? — די אנטווארט איז:

אידען זיינען טאקע מתודע זייערע עברות, א חוץ אויף איינע, וואס איז נאך אלץ איינגעבאקען טיעף אין הארצען אהן א סליחה און אהן א כפרה. נעמליך, דאס פארווארפען פון משיח. אין זכריה י"ב. זאגט גאט: „איך וועל אויסגיסען איבערן הויז פון דוד און איבער די איינוואוינער פון ירושלים דעם רוח פון חן און געבעט, זיי וועלען אויף מיר קוקען וועמען זיי האבען צושטאכען. זיי וועלען איבער איהם קלאגען ווי איבער אן איינציגען זאהן... אין דעמזעלבען טאג וועט א קוואל געעפענט ווערען צום הויזגעזינד פון דוד און צו די באוואוינער פון ירושלים פאר זינד און אומריינקייט".

דארט הייסט עס, אז דאס גאנצע פאלק ישראל וועט טרויערן און קלאגן וועגן איהם וואס איז צושטאכען געווארען. אט דאס וועט באמת זיין „תשובה" און חרטה. און כדי דער ווערטהער לעזער זאל וויסען וועמען גאט מיינט מיט „דעם וואס איז צושטאכען געווארען", וועלען מיר א בליק געבען צו גאטס ווארט אין ישעיה נ"ג, דארט הייסט עס:

„ער איז פארוואונדעט געווארען פאר אונזערע זינד... די שטראף פאר אונזער פרידען איז געווען אויף איהם און דורך זיינע ביילען זיינען מיר געהיילט געווארען. מיר אלע זיינען געווען פאראירט ווי שאף, יעדער האט זיך געקעהרט צו זיין אייגענעם וועג אבער גאט האט אויף איהם געלאזט טרעפען די זינד פון אונז אלע.

אויך פיעלע פון אונזערע מפורשים זיינען מסכים אז דערמיט מיינט מען דעם משיח. יא, אויך אונזערע יום־כפור תפילות זיינען אין איינקלאנג מיט ישעיה נ"ג, ווארט פאר ווארט, אז דאס מיינט מען ישוע המשיח וואס איז פארוואונדעט און צושטאכען געווארען פאר אונזערע זינד. אין תפלת מוסף ליום כפור זאגען מיר ווי פאלגט:

„פנה מנו משיח צדקנו, דער משיח אונזער גערעכטיגקייט איז אוועק פון אונז. ד"ה, ער איז שוין איינמאל דא געווען און איז אוועק. מיר זיינען דערשראקען, עס האט נישט ווער עס זאל אונז גערעכט מאכען. אונזערע זינד האט ער געטראגען און איז פארוואונדעט געווארען פאר אונזערע זינד... מיר זיינען געהיילט דורך זיינע וואונדען..."

אלזא, ווער איז דער פארוואונדעטער און צושטאכענער? ישוע המשיח! ווער קאן אונז ביי גאט גערעכט מאכען? ישוע המשיח! צו וועט דארפען כל ישראל ארויפבליקען „את אשר דקרו"? צו ישוע המשיח. יא, אט־א־דער ישוע המשיח וויל אונז ברענגען די גאולה און די ישועה וואס קיין גאלד און זילבער קאן עס אונז ברענגען, ווייל „כי הדם הוא בנפש יכפר", נאר אליין דאס בלוט, וואס ישוע המשיח האט פארגאסען אויף׳ן בארג גלגולת, נאר דאס קאן אונז ברענגען א כפרה א סליחה פאר אונזערע זינד, און דאן וועט במילה די גאולה וישועה קומען אויף כל ישראל.

ליעבער לעזער, זענט איהר איינפערשטאנדען מיט דיעזע קאנדיציאנען? וועט אייער ישועה באלד דא זיין.


Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the American Board of Missions to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.
Entered as Second Class matter April 4, 1922, at the Post Office, Brooklyn, N. Y., under the Act of March 3, 1879.